**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/8/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט מיט 98 יוּניטס אין סאראטאָגע ספרינגס

***ארבעט הויבט זיך אן אויף סאראטאָגע ספרינגס האוזינג אויטאריטעט קאמפלעקס געווידמעט פאר ארבעטנדע ערוואקסענע און פאמיליעס***

גאווערנער Hochul (האקול) האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף Springs West Apartments, אן אפאָרדעבעל האוזינג פראיעקט פון 98 יוּניטס וואס וועט ווערן א סאראטאָגע ספרינגס האוזינג אויטאריטעט (Saratoga Springs Housing Authority, SSHA) דעוועלאפמענט ווען עס וועט זיין פארטיג. דער 43 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט רעכנט אריין זעקס נייע געביידעס לענגאויס Allen Drive אין די סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס, סאראטאָגע קאונטי. אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) פינאנצירט נאענט צו 6,000 אפאָרדעבעל היימער אין די הויפטשטאט ראיאן. Springs West Apartments זעצט פאר די אונטערנעמונג און ערגענצט גאווערנער Hochul (האקול)'ס 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע האוזינג פלאן וואס איז אויף די רעלסן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט.

"סאראטאָגע ספרינגס איז שוין פון לאנג באקאנט אלס א בליהענדע שטאט פאר איינוואוינער און טוריסטן צוגלייך, אבער מיר מוזן זיכער מאכן אז דאס טרעפן א פלאץ צו פאררופן א היים איז נישט צו א שווערע זאך פאר פאמיליעס", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די נייע געביידעס און 98 נייע אפארטמענטס ביי Springs West זענען א געוואלדיגע ביישפיל פון מיין איבערגעגעבנקייט צו איסברייטערן די צאל פון אפאָרדעבעל, זיכער און מאדערנע היימער אריבער ניו יארק. איך דרוק אויס מיינע דאנק וואונטשן פאר אונזערע שותפים אין סאראטאָגע ספרינגס פארן ארויסווייזן וואס דאס מיינט צו זיין א 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי'."

Springs West איז דעזיינט צו צושטעלן האוזינג פאר ארבייטער דורכן צוציהען סיי ערוואקסענע הויזגעזינדער און פאמיליעס. די פארעלטערטע געביידעס וועלכע זענען געשטאנען אויפן ארט זענען אראפגעוואָרפן געווארן און וועלן ערזעצט ווערן מיט זעקס נייע געביידעס מיט 98 אפארטמענטס, כמעט האלב פון וועלכע וועלן באשטיין פון יוּניטס מיט צוויי און דריי שלאף צימערן. אלע אפארטמענטס וועלן רעזערווירט ווערן פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 80 פראצענט פון די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט.

ווערנדיג געבויט דורך Beacon Communities און דורך די סאראטאָגע ספרינגס האוזינג אויטאריטעט, וועט Springs West Apartments האבן ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן, אריינרעכנענדיג עלעקטרישע הייצונג און קילונג, היץ אינסולירונג, ענערגיע-שפארזאמע פענסטער, LED באלייכטונג און וואסער-שפארנדע פלאמבינג איינריכטונגען. די נייע דעוועלאפמענט וועט אריינרעכענען א נייע שפיל ארט

און געפונט זיך נעבן שולעס, א גראסערי געשעפט, העלטקעיר איינריכטוננגען און ריטעיל געשעפטן. Spring West איז גרינג צוגענגליך פון די I-87 און דערנעבנדע באס און באן סערוויס.

Springs West Apartments איז געשטיצט דורך די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל'ס פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט ( Low Income Housing Tax Credit) פראגראמען וועלכע זענען ערווארטעט צו אויפטרייבן 21.8 מיליאן דאלאר פון אינוועסטירער; 20.8 מיליאן דאלאר אין באנדס וואס זענען פטור פון שטייערן; 10.9 מיליאן דאלאר אין סובסידיעס פון איר האוזינג פינאנץ אגענטור'ס (Housing Finance Agency) ניי-געבויטע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג (New Construction Capital) פראגראם; און א 7.5 מיליאן דאלארדיגע ערשטע מארטגעדזש פון איר סטעיט אָוו ניו יארק מארטגעדזש אגענטור ( State of New York Mortgage Agency). די סיטי אָוו סאראטאָגע ספּרינגס האט געגעבן אן אפמאך פון באצאלונג אנשטאט שטייערן (Payment in Lieu of Taxes) און האט אויסגעצאלט פערמיט פראצעדורן און באצאלונגען פאר פארוויילונג איינריכטונגען אין פארבינדונג מיט דעם פראיעקט. די אינוועסטירונגען אין אויסטויש פאר טעקס קרעדיטס ווערן אראנזשירט דורך Key Community Development Corporation. Key Bank N.A. האט געגעבן די 'לעטער אָוו קרעדיט' ווייזנדיג אז די מארטגעדזש וועט קענען אויסגעצאלט ווערן.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "דער 43 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט איז א גאר-נויטיגע אינוועסטירונג אין האוזינג פאר ארבייטער פאר די שטאט-צענטער פון סאראטאָגע ספּרינגס. מיט נאענט צו 100 מאדערנע, פאמיליע-פריינטליכע און ענערגיע-שפארזאמע אפארטמענטס, איז Springs West א געוואלדיגע ביישפיל פון גאווערנער Hochul (האקול)'ס פארפליכטונג צו פארמערן האוזינג געלעגנהייטן אריבער גאנץ ניו יארק. זייענדיג סערטיפייד אלס א 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטי', באדאנקען מיר די סיטי אָוו סאראטאָגע ספּרינגס און די סאראטאָגע ספּרינגס האוזינג אויטאריטעט פארן מיטטיילן אונזער חזון פון פארגרעסערן די צאל פון אפאָרדעבעל, מאדערנע און שטאנדהאפטיגע היימער אויפן מארקעט."

**סענאטאר Chuck Schumer (טשאָק שוּמער) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע אין סאראטאָגע צו האבן א זיכערע און אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים. איך בין שטאלץ אז די פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט, וואס איך האב שווער געארבעט צו באשיצן און אויסברייטערן, האט אהערגעשטעלט מיליאנען צו אנהויבן בויען נאענט צו 100 נייע היימער ביי Springs West Apartments. הויכע האוזינג קאסטן זענען א הויפט טרייב קראפט פון אינפלאציע, און דערפאר מוזן מיר בויען מער האוזינג פאר מענטשן וואס ארבעטן כדי צו אראפברענגען די הויכע פרייזן. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול)'ס ארבעט צו פארמערן צוטריט צו אפאָרדעבעל האוזינג אין די הויפטשטאט ראיאן און אריבער ניו יארק, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן צו אהערשטעלן פעדעראלע מיטלען צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט א דאך איבערן קאפ."

**קאנגרעסמאן Paul Tonko (פאול טאנקאו) האט געזאגט,** "דער פראיעקט איז א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון זיכער מאכן אז יעדע פאמיליע אריבער אונזער הויפטשטאט ראיאן האט א זיכערע, אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים. דא אין די הויפטשטאט ראיאן און אריבער ניו יארק סטעיט, איז די נויט פאר ביליגע האוזינג קיינמאל נישט געווען מער דרינגנד — און גאווערנער Hochul (האקול)'ס האוזינג פלאן וועט שפילן א קריטישע ראלע ביים ערפילן די נויט. דורכן אינוועסטירן אין שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן פון די סארט, מאכן מיר עכטע פארשריט ביים אויסברייטערן צוטריט צו אפאָרדעבעל היימער פון א הויכע קוואליטעט פאר ארבעטנדע פאמיליעס דא אין סאראטאָגע ספּרינגס און ווייטער. איך בין שטאלץ צו פייערן די אונטערנעמונג, און איך וועל שטענדיג פארזעצן צו ארבעטן צו ברענגען מער האוזינג געלעגנהייטן פאר אונזערע קאמיוניטיס."

**סטעיט סענאטאר Jim Tedisco (דזשים טעדיסקאָו) האט געזאגט,** "אפּאָרדעבעל האוזינג איז א וויכטיגע אנגעלעגנהייט פאר פילע ניו יארקער וועלכע לעבן אויף א קביעות'דיגע איינקונפט. איך וויל באדאנקען די גאווערנער און די NYS האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל פאר זייערע באמיאונגען ביים בויען 98 נייע אפּאָרדעבעל אפּארטמענטס אין סאראטאָגע ספרינגס און די 44'סטע סענאט דיסטריקט פאר איינוואוינער וועלכע דארפן דאס מעגליך צו טרעפן אן אפּאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים."

**אסעמבלי מיטגלידערין Carrie Woerner (קערי ווארנער) האט געזאגט,** "האוזינג פאר די מענטשן וועלכע ארבעטן אין סאראטאָגע'ס האטעלן, רעסטוראנטן, העלטקעיר איינריכטונגען און שטאט-צענטער ביזנעסער איז פארצווייפלט נויטיג. Springs West וועט העלפן אנפילן די לאך. איך גראטולירן די סאראטאָגע האוזינג אויטאריטעט אויף די וויכטיגע דערגרייכונג, און איך קוק ארויס צו זעהן די פארענדיגונג דערפון."

**סאראטאָגע ספרינגס מעיאר, John Safford (דזשאן סעפארד), האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט ביז גאר אז מיר קענען ברענגען האוזינג וואס איז סיי אפּאָרדעבעל און סיי פאר די ארבעטסקראפט צו סאראטאָגע ספּרינגס."

**סאראטאָגע ספרינגס האוזינג אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Paul Feldman (פאול פעלדמאן), האט געזאגט,** "די סאראטאָגע ספרינגס האוזינג אויטאריטעט איז גאר באגייסטערט צו אנהויבן די ארבעט אויף אונזער פערטע דעוועלאפּמענט פראיעקט אין די לעצטע זעקס יאר. דער פראיעקט קאכט זיך שוין פאר יארן. די סאראטאָגע אפּאָרדעבעל האוזינג גרופּע האט אנגעהויבן די אינציאטיוו צו איבערבויען די Allen Drive פראפּערטי כמעט צען יאר צוריק, און די SSHA האט דאס ענדליך געקענט ברענגען צו געענדיגט ווערן. Springs West וועט אפּפערן די געלעגנהייט פאר פילע שווער-ארבעטנדע פאמיליעס צו וואוינען אין א שטאט וואו זיי וואלטן אנדערש זיך נישט געקענט ערלויבן. עס דערפריידט אונז צו זיין א שותף מיט Beacon Communities אויף זייער דעוועלאפּמענט, און מיר זענען אזוי אויך גאר דאנקבאר פאר סיי די ניו יארק סטעיט HCR פארן צושטעלן די טעקס קרעדיטס און Key Bank Development Corporation for פארן צושטעלן די פינאנצירונג וואס פעהלט אויס צו בויען דעם פראיעקט. מיר קוקן ארויס צו זעהן די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט קומענדיגע יאר און די פאזיטיווע השפעה וואס עס וועט האבן אויף אונזער לאקאלע ביזנעס קאמיוניטי.

**CEO פון Beacon Communities, Dara Kovel (דארא קאָוועל), האט געזאגט,** "מיר זענען דאנקבאר פאר די געלעגנהייט צו ווערן א שותף מיט די סאראטאָגע ספּרינגס האוזינג אויטאריטעט צו ברענגען די גאר-נויטיגע שטאנדהאפטיגע און אפּאָרדעבעל היימער צו סאראטאָגע ספּרינגס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול)'ס פירערשאפט ביים אדרעסירן די האוזינג קריזיס אריבער ניו יארק. די HCR'ס שטיצע פאר דעם פראיעקט, צוזאמען מיט די שטיצע פון אלע אונזערע רעגירונג און פריוואטע סעקטאר שותפים, וועט ערלויבן איינוואוינער צו ווייטער וואוינען אין- און ביישטייערן צו די לעבהאפטיגע קאמיוניטי."

**סאראטאָגע קאונטי טשעימבער אָוו קאַמערס (Saratoga County Chamber of Commerce) פרעזידענט, Todd Shimkus (טאַד שימקוס), האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו זעהן די דעוועלאפּמענט אנהויבנדיג די ארבעט. די נויט פאר אפּאָרדעבעל האוזינג פאר ארבייטער אין סאראטאָגע ספּרינגס און אריבער סאראטאָגע קאונטי איז גאר וויכטיג פאר אונזער צוקונפטיגע עקאנאמישע הצלחה. עס איז א פריאריטעט פאר די טשעימבער צו העלפן לאקאלע ארגאניזאציעס און דעוועלאפּערס צו בויען מער פלעצער אין אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס כדי מער מענטשן זאלן קענען וואוינען און ארבעטן דא."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער. אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, ארייננרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 55,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם (Pro-Housing Community Program) וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. פרא-האוזינג סערטיפיקאציע איז יעצט א פארלאנג פאר לאקאליטיס צו האבן צוטריט צו ביז 650 מיליאן דאלאר אין ווָאלונטירישע פינאנצירונג. אזוי ווי מיר שטייען יעצט, זענען כמעט 300 קאמיוניטיס שוין סערטיפייד געווארן, ארייננרעכענענדיג די סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן